# פרשת נצבים כ"ב – כ"ח אלול תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת נצבים***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א** שישב שבעה על פטירת אביו הרב **יוסף ברוך פנחס ראבינאוויטש** ז"ל, בן **כ"ק האדמו"ר מסקאליע זצ"ל**. בין המנחמים היו **כ"ק האדמו"ר מספינקא ב"פ שליט"א, וכ"ק האדמו"ר מרימנוב שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מספינקא:** מען שמועסט אז דער עלטער זיידע (**הרה"ק רבי ברוך פינחס מסקאליע זצ"ל**) איז געווען נאנט צום **אמרי יוסף.**

**רבינו:** פון ווי האבען זיי זיך געקענט? זיי האבען דאך נישט געוואוינט אין די זעלבע געגנט?

**האדמו"ר מסקאליע:** דער עלטער זיידע איז געווען אין בריד, ער האט געוואלט וואוינען אין בריד, ווייל עס איז א קליין דערפעל, און קיינער זאל אים נישט שטערן. עס איז געווען אין די גלילות פון מונקאטש. שפעטער איז ער אריבער וואוינען קיין סקאליע וואס איז נעבן לעמבערג. עס פלעגט זיין א קור-ארט פאר חולים, וואס פלעגן קומען קיין סקאליע. עס איז געווען דארט בערג, וואס די לופט האט געהאלפען פאר די לונגען.

**האדמו"ר מספינקא:** דער זיידע וואס האט דא געוואוינט, איז נאך געווען אין סקאליע?

**האדמו"ר מסקאליע:** אוודאי. ער איז נאך געבוירן אין בריד.

**האדמו"ר מספינקא:** דאס וואס מען האט גערעדט פון ווי זיי האבען זיך געקענט. דער **אמרי יוסף** פלעגט רעדן וועגן **רבי מרדכי'לע נאדבורנער.** ראש השנה פאר מען איז געגאנגען צו תשליך האט ער געזאגט, יעצט בלאזט דער **רבי ר' מרדכי'לע** די תקיעות. אין הימל האט מען היינט געהערט אסאך תקיעות, אבער אזעלכע שיינע תקיעות האט מען נאכנישט געהערט.

**האדמו"ר מסקאליע:** ער האט געהאט א קירוב הדעת צו **רבי מרדכי'לע.**

**האדמו"ר מספינקא:** און **רבי מרדכי'לע** האט גערעדט פונעם **אמרי יוסף**, און ער האט געזאגט, אז ווען ער גייט ארויף אין הימל און ער וויל פועל'ן ישועות, טרעפט ער מאיר יוסף [ער האט אלץ איבערגעדרייט, נישט יוסף מאיר נאר מאיר יוסף], מיט פולע זעק פון ישועות קומט ער צוגיין. אבער די צוויי האבען זיך קיינמאל נישט געזען. איינער האט גערעדט פון צווייטען, אבער זיי האבען זיך קיינמאל נישט געזען.

**רבינו:** זיי האבען זיך געזען אויבן..

**האדמו"ר מסקאליע:** יא, זיי האבען געהאט מער א קלארער קשר.

**האדמו"ר מספינקא: רבי מרדכי'לע** האט געזאגט, אז עס שטייט אין די עשרת הדברות לא תחמוד אשת רעך (שמות כ-יד), די עשרת הדברות איז אויך געזאגט געווארן פאר רבי'ס, ווי קומט צו א רבי לא תחמוד אשת רעך? האט ער געזאגט, ווייל פון די שטאט בישטענא זענען געפארן וועגענער מיט ווייבער זיך צו געזעגענען קיין ספינקא, האט ער געזאגט, זאל מרדכי'לע נישט וועלן אז מאיר יוסף'ס ווייבער זאלן זיך ביי אים אויך געזעגענען. דאס איז די פשט פון לא תחמוד אשת רעך.

**האדמו"ר מסקאליע:** דארט זענען געווען אסאך חסידות'טעס.

**אחיו הרב בעריש שליט"א:** דער **אמרי יוסף** איז געווען אין בריד, און די עלטער באבע איז אריינגעגאנגען צום **אמרי יוסף**, האט זיך דער **אמרי יוסף** אויפגעשטעלט, און ער האט געזאגט, נישט פאר דיר שטעל איך זיך אויף, נאר פאר דעם קינד וואס דו טראגסט.

**האדמו"ר מסקאליע:** דער רב האט נאך געקענט דעם זיידען פון דער נאנט. דער זיידע האט געגעבן פארן רב טשעקס[א].

**רבינו:** יא. מיר זענען געווען אסאך זומערס צוזאמען אין האטעל אשל אין ליווינגסטאן מענאר.

**האדמו"ר מסקאליע:** דער טאטע (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) האט געהאט א שטארקע ידידות מיטן זיידען ז"ל. איך געדענק די אהבה וואס האט זיך באוויזען אינעם זומער.

---

[א] ענין זה סיפר **רבינו שליט"א להאדמו"ר מסקאליע שליט"א** בהזדמנות אחת, שזקינו **האדמו"ר מסקאליע זצ"ל** היה רגיל ליתן לו כסף תמיכה (טשעק) בעת שהיה נכנס אצלו בימי הקיץ, **ורבינו שליט"א** לא השתמש בשטרות הללו, ועדיין מונחים ברשותו.

**רבינו:** ער פלעגט אסאך מאל אנצורופן צום טאטן ז"ל פארן זומער, צו ער וועט קומען אהין אויף זומער. ווייל טאמער ער קומט נישט, קומט ער אויך נישט.

**האדמו"ר מספינקא:** איך בין געווען דארט איין זומער. די צעהלימער ישיבה האט געהאט די ישיבה אקעגן איבער, אין ליווינגסטאן מענאר, און זיי האבן נישט געהאט גענוג פלאץ, זענען אפאר בחורים געשלאפן אין האטעל. איך בין געשלאפן אין האטעל, און איך פלעג זעהן דעם זיידען אראפגיין, און ווי אזוי ער איז געזעסן אינדרויסען און געלערנט. איך פלעג אים אויך זעהן אין צעהלימער בית המדרש (בוומסב"ג), ארום האלב זעקס פלעגט ער גיין אין די צעהלימער מקוה.

**רבינו:** ער האט מאריך געווען אין די מקוה, ער איז געווען א לאנגע צייט אין מקוה. ערב שבת האב איך אסאך מאל געזעהן, ער איז געגאנגען פרי ערב שבת אין מקוה, עס איז נאך געווען כמעט ליידיג.

**האדמו"ר מסקאליע:** יא, ביי חצות, כדי מוסיף צו זיין מחול על הקודש. די מקוה איז חל פון חצות. ער האט נאכדעם נישט געשריבען מיט א פעדער, עס איז געווען א האלבער שבת. ער האט נישט מקבל שבת געווען, ווייל עס איז געווען פאר פלג המנחה. אבער עס שטייט פון **אר"י הק'** אז נאכדעם וואס מען גייט אין מקוה, זאל מען נישט טוהן א מלאכה. עס איז געווען א שבת'דיגער אויר אין שטוב. די טישטוך איז שוין געווען אויפן טיש, און ער איז געווען אנגעטון מיט די בגדי שבת[ב].

איין זאך ווייס איך, אז איך האב געקענט אוועקלייגען די וועש וואס ער האט אויסגעטון, און צוריקלייגען אין שופלאד אריין. ער איז געווען ממש למעלה מן הטבע.

**רבינו:** עס איז א פלא. מיין טאטע ז"ל האט מיר נאכגעזאגט אויפן **שאמלויער רב**, אז ער איז געגאנגען א גאנצע וואך מיט איין העמד, און ווען ער האט אויסגעטון פרייטאג דעם העמד, האט מען נישט געקענט דערקענען צו דאס איז די העמד וואס ער האט אויסגעטון, צו עס איז דער העמד וואס מען גייט אנטון. עס איז געווען אזא בחינה[ג].

**האדמו"ר מסקאליע:** אויפן **שאמלויער רב** זאגט מען, אז נאך א שחרית איז געווען נאס די גאנצע פלאץ ארום די שטענדער ווי ער איז געשטאנען, עס איז געווען אויסגעווייקט פון טרערן, אזוי האט דער **שאמלויער רב** געדאווענט יעדן טאג.

**רבינו:** מען פלעגט פארזאגען א פסוק פארן זיידען (האדמו"ר מסקאליע זצ"ל), און אויף דעם פלעגט ער צו זאגען דברי תורה. עס איז געווען פארשידענע חסידים דארט אין האטעל אשל, און אסאך מאל איז געווען אזעלכע וואס האבן אויסגעזוכט דעם שווערסטן פסוק וואס איז דא אין די פרשה. און מען האט עס אים פארגעזאגט, און ער האט אלץ געזאגט קולע אל השערה. און מיין טאטע ז"ל פלעגט אלץ צו זאגען דעם גרינגסטען פסוק, ער פלעגט זאגן, אז מען זאגט, זאל מען כאטש זאגען גוט. אויף א גרינגען פסוק זאגט מען שיין.

**האדמו"ר מסקאליע:** אז מען האט געזאגט א שווערן פסוק, האט ער געזאגט בדרך קבלה. מען פלעגט אים זאגען דעם פסוק ומשמע ודומה

---

ב **בראשית חכמה** (שער הקדושה פ"ז אות קו) כתב 'לפי דברי הזוהר (ויקהל רד.) נראה לי כי אחר שיטבול אסור לו לעסוק בעשיית מלאכה, אלא בתיקון צרכי שבת [וכו'], כי הטבילה הוא כמעט הקבלת שבת' ע"כ. ועיין עוד **בפרי עץ חיים** (שער השבת פ"ג) **שהאריז"ל** היה אומר, דהתוספת שבת נתגלה וניכר במצח האדם תיכף אחר הטבילה ע"ש.

ג בספר **נחלי אמונה** (פאריסוב דף פ') מובא, שסיפר **הרה"ק רבי אברהם מפאריסוב זצ"ל** כי הצדיקים הקדושים שהיו הולכים בגלות, כשהיו פושטים ערב שבת קודש את החלוק שלהם שהיו ישנים בהם, לא היה עליהם שום כתם ושמץ מהפרעושים, ולא שום לכלוך, רק הכתונת היה לבן וזך ובהיר כמו שהיה לובשים מתחילה, ומחמת שהיו קדושים לאלקים לא שלט עליהם שום לכלוך, כי טומאה בורחת מהקדושה ע"ש. וכן מסופר על **הגר"א** זצ"ל ועוד צדיקים. **ובשו"ת דברי יציב** (או"ח סי' רלז) הביא מה דאיתא בליקוטים שבסוף ספר **מהרי"ל** (אות מו) **שהמהרי"ל** לא היה רגיל לכבס סדינין ששוכב עליהן בכל לילה רק מפסח לפסח, ואמר שמכל מקום נקיים הם משאר סדיני בני אדם ששכבו בהן שבועיים ע"ש. והטעם כי בצדיקים כאלו לא שלטה בהם זיעה ובבחינת שמלתך לא בלתה וגו', וכן אצל **זקה"ק מצאנז זי"ע** לא נראתה עליו זיעה כלל, ולזה אמרו (שבת כה:) על רבי יהודא בר אילעאי שהיה רוחץ פניו ידיו ורגליו ולא כל גופו, כי היה דומה למלאך ה' צבאו'ת, ולא היה זקוק לרחיצה ורק פניו ידיו ורגליו משום מצוה ודו"ק ע"כ. ועיין עוד **בש"ך** על התורה (פ' מקץ עה"פ ויגלח ויחלף שמלותיו) שבגדי יוסף מרוב קדושתו היו נקיים גם אחר ישבו במאסר כל כך שנים ע"ש.

ומשא (בראשית כה-יד), ואחות לוטן תמנע (שם לו-כב). מען האט פראבירט אלעס.
**האדמו"ר מספינקא:** ער האט געטראכט אפאר מינוט, צו ער האט גלייך געזאגט?
**האדמו"ר מסקאליע:** ער האט גלייך געזאגט, עס האט גענומען א רגע כמימרא. ער האט געזאגט פארדעם א יהי רצון, יהי רצון שיתקדש שם שמים על ידינו, דער יהי רצון האט גענומען א מינוט, וואס דער עולם האט געמיינט אז ער טראכט, און ער האט גלייך אנגעהויבען צו זאגען. אמאל אין די קאנטרי ביי מלוה מלכה האט ער מיר געזאגט, איך ווייס נישט פארוואס עס איז מיר היינט אנגעקומען שווער צו זאגען, איך האב געמוזט אנקומען צו טעמי הקרא צו קענען זאגען תורה. טעמים איז דאך די העכסטע בחינה, על פי קבלה איז טעמים העכער פון אותיות, העכער פון די נקודות.
**רבינו:** איך געדענק אז ער האט אמאל געזאגט ביי שלש סעודות, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, לך אמור להם שובו לכם לאהליכם, ואתה פה עמוד עמדי (דברים ה-כז), אז א צדיק קען זיין אין איין צייט אויף צוויי מקומות. לך אמור להם שובו לכם לאהליכם, אבער ואתה פה עמוד עמדי. דו זאלסט בלייבען דא שטיין, און עס וועט אויך זיין לך אמור להם (עיין **בשמן ראש** פורים דף תע).
**אחיו הרב בעריש שליט"א:** ער האט געזאגט די מעשה פונעם **בעל שם טוב הק'**?
**רבינו:** איך געדענק נישט.
**הרב בעריש שליט"א:** ער האט געהאט א מעשה פונעם **בעל שם טוב הק'**, אז ער איז געווען אויף צוויי פלעצער. און ער האט מיט דעם געטייטשט בא אל פרעה (שמות י-א), נישט 'לך' אל פרעה, נאר קום אן צו פרעה. דו בלייב דא מיט מיר, און קום אן דארט אויך.
**האדמו"ר מסקאליע:** מיין טאטע האט געלעבט מיט מסירות נפש פאר זיין טאטן (**האדמו"ר מסקאליע זצ"ל**), דער זיידע ז"ל איז געווען מיין טאטענ'ס תפלין, ער האט נישט מסיח דעת געווען פון אים. א גאנצן טאג איז ער געווען פון טאטן צום טאטן, וואס דער טאטע האט געדארפט.
**רבינו:** אז מען האט אזא טאטע...
**האדמו"ר מסקאליע:** עס איז געווען א אהבה רבה, כמים פנים לפנים, מורא'דיג.

**האדמו"ר מרימנוב:** איך געדענק אלס קינד, איך בין געווען ביים זיידן אין בית המדרש אויף בעדפארד, די 'הודו' ערב שבת איז געווען מיט א געוואלדיגע מתיקות, עס האט געמאכט א רושם אויף א גאנץ לעבן.
**האדמו"ר מסקאליע:** עס איז געווען מיטן נוסח פונעם **בעל שם טוב הק'**.
**האדמו"ר מספינקא:** פסוק בפסוק?
**האדמו"ר מסקאליע:** יא.
**האדמו"ר מרימינוב:** ער האט זיך געדרייט ארויף און אראפ אין בית המדרש.
**האדמו"ר מסקאליע:** אין האטעל אשל האט ער פארגעזאגט הודו אבער נישט קבלת שבת. ער האט זיך געפירט דארט מער ווי א פריוואטער מענטש. ער האט געזאגט נאר הודו, און שלש סעודות תורה. אבער אזוי יעדע וואך פלעגט ער אויך דאווענען קבלת שבת פארן עמוד. אבער מנחה פלעגט ער נישט דאווענען פארן עמוד, עס איז געווען אן אינטערעסאנטע זאך, אז ער האט געדאווענט נאר הודו.
**וניחם רבינו והוסיף:** מיר האבען א גרויס הנאה פון **רבי יעקב אהרן אויש** (חתן **האדמו"ר מסקאליע שליט"א**, ר"מ בישיבתנו הק'), ער איז מרביץ תורה ביי אונז, און די תלמידים האבען א גרויס הנאה פון אים.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **מאיר עקשטיין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים מאיר ראזענבערג** הי"ו, שהתקיים באולם אנשי ספרד.

*

***יום שני פרשת נצבים***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **משה מיללער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סקווירא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של נכד הר"ר **יהושע גוטמאן** הי"ו (לארענס).

*

***יום שלישי פרשת נצבים***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ווייס ע"ה (אלמנת הר"ר **משה הכהן ווייס** ע"ה).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר בארא פארק, לבית הרבני הנגיד רבי **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו, שם שהה משך שעה ארוכה לקבל את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פערלשטיין ע"ה (אלמנת הר"ר **הערשל פערלשטיין** ע"ה). בין המנחמים היו **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, ובנו **הרה"ג רבי חיים אלעזר שליט"א** ר"י מונקאטש.

***מתוך השיחה:***

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער זיידע רבי משה פערלשטיין האט סוף ימיו געוואוינט אין מונקאטש.

**א' האבלים:** יא, ער האט קודם געוואוינט אין בודאפעסט, שפעטער האט ער זיך אריבערגעצויגען קיין מונקאטש.

עס איז דא ביי אונז א בריוו פון **רבי יונתן שטייף זצ"ל**, וואס ער האט געשריבן פאר מיין פעטער רבי מרדכי וויליגער ז"ל, נאכדעם וואס ער האט אים געלאדנט צו די חתונה פון מיין טאטן, און ער אנטשולדיגט זיך אז ער האט נישט געקענט קומען. **רבי יונתן** האט געקענט מיין זיידען רבי משה פון בודאפעסט, שרייבט ער דארט אינעם בריוו, ידידי הצדיק רבי משה... מיר האבען דעם כתב יד.

**האדמו"ר ממונקאטש:** פאר זיך וואלט ער נישט געשריבן אזא טיטול, אבער פאר יענעם...

ער האט געשריבן אויף **רבי מרדכי שפילמאן זצ"ל** (בתוך הסכמה על ספרו **תפארת צבי** על הזוהר) 'שר בית הזוהר', דער רבי מרדכי איז נאך געווען א בחור, ער האט געלערנט אין בית המדרש עליון, ער איז געווען א מתמיד, ער האט געטוהן אביסל אין סתרי תורה, און **רבי יונתן** האט אויף אים געשריבן שר בית הזוהר, ער איז נתפעל געווארן אז א בחור טוהט אין דעם.

**והמשיך האדמו"ר ממונקאטש:** דער זיידע רבי משה האט געהאנדל'ט מיט מינק האר. ער האט אמאל געוואלט קויפן פארן **מנחת אלעזר** א טיליפ, עס איז שוין געווען אלט און זייער צוריסן, און דער **מנחת אלעזר** האט געזאגט, עה, ער האט געמאכט א חשבון וויפיל ימים טובים און שבתים ער איז אלץ געגאנגען אין די טיליפ, און ער האט שוין געטון מיט דעם אזויפיל מצוות, און יעצט וויל מען קויפן א נייע, ער איז שוין אויף די עלטערע יארן, ער האט נישט קיין כח אויסצואורבעטן א נייע טיליפ.

**רבינו:** עס איז געווען אזעלכע וואס האבען נישט געטוישט א טלית וועגן דעם.

**האדמו"ר ממונקאטש:** א טלית איז מער מקובל אזוי, אבער א טיליפ איז שוין א דבר של חידוש.

**ר"י מונקאטש:** ביי א טלית ברענגען זיי די רש"י (ב"ק ט:) אז עס איז דא אויף דעם הידור מצוה. זה אלי ואנוהו (שמות ו-ב), טלית נאה, ציצית נאה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** די שאלה איז וואס מאכט א טלית נאה, צו עס איז א נייע, צו עס מיינט דוקא מיט צמר וכדומה, אין די דינים און די הלכות איז עס נאה. עכ"פ די שאלה איז צו נאה מיינט די שיינקייט פון די זאך, צו עס מיינט אז אין הלכה איז דא א הידור דערין[ד].

**רבינו:** ביי די אתרוגים איז דא אזעלכע וואס האבען מקפיד געווען אז עס זאל זיין שיין, און עס איז דא וואס האבען מקפיד געווען אז אין הלכה זאל עס זיין מער הדר.

**ר"י מונקאטש:** פונעם **חתם סופר** (חידושי **חתם סופר** סוכה לו.) שטייט, אז די פלעקען פונעם טאפען איז א הידור מצוה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** די וועלט האט עס אנגענומען להלכה. דער **מנחת אלעזר** האט אויך אזוי געטוהן למעשה, ער האט דעם ערשטען טאג געמאכט א ברכה אויפן אתרוג, און נאכדעם איז קהל אדורכגעגאנגען, ווייניג יודען לפי חשבון האבען געהאט אייגענע אתרוגים, און דעם צווייטען טאג איז עס שוין געווען פיל מיט קאלירן, אבער ער האט דעם צווייטען טאג גענומען דעם אתרוג און געמאכט אויף דעם די ברכה, כאטש ער האט געהאט נאך א אתרוג ביי זיך וואס איז געווען שענער, דאס אליין אז אידן האבן געמאכט דערויף א ברכה, דאס איז געווען דער הידור מצוה.

---

[ד] עיין **בשו"ת ארץ צבי** (סימן א'), **ובשו"ת דבר אברהם** (ח"ב סימן כ"ה אות ג'), **ובשו"ת אגרות משה** (או"ח ח"א סימן קפ"ז).

**רבינו:** הואיל ואתעביד בה מצוה חדא, נעביד ביה מצוה אחריתי (ברכות לט:).

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס איז א באזונדערע זאך.

**רבינו:** יא, דארט אין די גמרא רעדט מען ביי צוויי סארט מצוות[ה].

**האדמו"ר ממונקאטש:** ווען דער זעלבער מענטש האט געמאכט די מצוה איז אפשר נישטא דעם כלל. דער **חתם סופר** רעדט אלס זה א-לי ואנוהו. באמת אין הבנה איז עס שווער צו פארשטיין, די אתרוג איז דאך פארפלעקט, נאר אלס די מצוות פון אידן איז עס א הדר.

**ר' מונקאטש:** נישט נאר אז עס נעמט נישט אוועק די הידור, נאר דאס איז גאר דער הידור.

**רבינו:** עס איז דא וואס האבען נישט אויסגעוואשן דעם טלית, כאטש עס איז געווען פארפלעקט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס זעלבע איז מיטן פסח'דיגען קיטל. מען האט עס נישט געלאזט אויסוואשן אויף ראש השנה.

**ר' מונקאטש:** דארט איז דער טעם כדי ער זאל האבען א לימוד זכות, און א זכרון, מזכיר צו זיין די מצוות פון פסח.

**רבינו:** מען ברענגט צו אויפן פסוק (שמות יג-ד) היום אתם יוצאים בחודש האביב, אז היום גייט ארויף אויף ראש השנה (זוהר ח"ג רלא.), אתם יוצאים בחודש האביב, מיט די מצוות פון פסח.

**האדמו"ר ממונקאטש:** מען דערמאנט טאקע נישט ביים קיטל, אז עס איז זה א-לי ואנוהו, נאר וועגן די זכותים, אז עס איז פארפלעקט פון די וויין פון די מצוה פון ד' כוסות, מעין פון דעם אז ביי א ברית ראש השנה זאל זיין דם על השפתים (עיין בטורי זהב או"ח סימן תקפ"ד סק"ב).

עס איז געווען וואס האבען מהדר געווען צו לייגען אן עטרה אויפן קיטל, און די טעם איז, ווייל בעצם מיט א קיטל גייט מען נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, טוט מען עס אן, כדי מען זאל זיך דערמאנען און מעורר זיין צו טון די מצוות. אבער די שאלה איז פסח ביינאכט זאגט מען דאך הלל, לא המתים יהללו י-ה, איז דאך פארקערט, דארף מען דאך נישט דערמאנען יעצט דעם טעם פון אנטוהן א קיטל, וועגן דעם לייגט מען אן עטרה, אז עס זאל נישט זיין אינגאנצן נאר די טעם פון בגדיו של מת[ו].

דאס וואס מען גייט מיט אן עטרה פון כסף, דאס האט אן ענין אלץ נכסוף נכספתי, עס ווייזט אויף השתוקקות און געגועים צום באשעפער. כסף איז אויך רחמים, און זהב איז דינים (עיין **במטה אפרים** סימן תר"י סעיף י"א).

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק גליק** ע"ה (ב"פ).

*

***<u>יום רביעי פרשת נצבים</u>***

אחר סליחות נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **טובי' שענקער** הי"ו (חתן הר"ר **ישראל וויינגארטען** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**מען** שטייט פאר דעם הייליגען טאג ראש השנה, עס איז דא אזעלכע וואס פלעגן זיך צו פירן אז מען האט געפאסט ראש השנה, און אנדערע האבען מדקדק געווען אז מען זאל נישט פאסטען ראש השנה. ראש השנה איז א יום טוב, אויף ראש השנה שטייט אין פסוק (נחמיה ח-י), לכו אכלו משמנים וגו' כי חדות ה' היא מעוזכם, דער יום טוב איז א שמחה. אין שלחן ערוך (או"ח סימן תקפא-ד) שטייט, אז מען זאל זיך שערן פאר יום טוב, נישט אזוי ווי די וואס גייען אריין לדין, און זיי זענען בדרך כלל מתאבל, און מען האט נישט די מוט אז מען זאל זיך קענען צוגרייטען. דער יום טוב פון ראש השנה איז ביי אונז א טאג פון א שמחה.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, אויסער דעם וואס מיר זענען בטוח אז דער אייבערשטער וועט העלפן פארן כלל ישראל. מען זעהט ביי מילה אז

---

[ה] עיין **בשו"ת חתן סופר** (סימן ס"ח) שכתב לבאר מה שכתוב בשו"ע (סימן תרע"ג סעיף ד') שאין צריכין להחליף הפתילות בלילי חנוכה, דטעמו משום הואיל ואתעביד ביה מצוה חדא וכו'.

[ו] (עיין בטורי זהב סימן תע"ב סק"ג, ובסימן תר"י סעיף ד', ובגליוננו פרשת ויצא תשע"ה בשיחה עם **האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**).

די גמרא (שבת קל.) זאגט, כל מצוה שקיבלו עליהם ישראל בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה. יודען האבען מקבל געווען די מצוה פון מילה בשמחה, און וועגן דעם איז עס געבליבען א שמחה אין אלע דורות. ווען א יוד מאכט א ברית, פרייט ער זיך, עס איז דא אן אמת'דיגע שמחה ביי א טאטן, אז ער קען אריינברענגען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. ער מאכט א סעודה, און ער איז אויפגעלייגט, אפילו מען גייט פארגיסן דאס בלוט פאר זיין קינד. אן אנדערע מאל וואלט ער נישט געקענט דערטראגען אז מען זאל טון פארן קינד אפילו א קלייניגקייט, און דא טוט ער עס מיט א שמחה. אלעס ליגט אין די כח פון די קבלה. אז מען האט עס מקבל געווען בשמחה, ליגט דערין א כח אז מען טוט עס שטענדיג בשמחה.

**און** די זעלבע איז אויך אינעם יאר, ווען א יוד גייט אריין אינעם יאר מיט א שמחה, לאזט עס איבער א השפעה פון שמחה אויף א גאנץ יאר שפעטער. עס שטייט אין די גמרא (כריתות ו.), און עס איז צוגעברענגט אין שלחן ערוך (או"ח סימן תקפג), אז מען זאל מאכען א סימנא טבא אין ראש השנה. ביינאכט עסט מען די געוויסע זאכען וואס ווייזט אויף א געוויסע סימן. מען האט אינדערהיים נישט געגעסן קיין זויערס אין די טעג, ווייל מען האט נישט געוואלט ווייזען א זויערקייט אנהייב יאר. אלעס איז אן ענין פון שמחה. ווייל כל מצוה שקבלו ישראל עליהם בשמחה עדיין עושין אותה בשמחה, און דאס זעלבע איז אין תחלת השנה. און וועגען דעם איז לכו אכלו משמנים, ווייל מען דארף אריינגיין אין די יאר מיט א שמחה. שמחה מיינט נישט א שמחה פון הוללות, נאר חדות ה' היא מעוזכם, מען זיצט אין בית המדרש און מען דאווענט, די עבודת ה' פון א יוד דארף זיין בשמחה.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לבית הרבני הנגיד רבי **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו, והמשיך לקבל את קהל אנ"ש לקראת ימי הרחמים והרצון.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אהרן יודא שאלאמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

***<u>יום חמישי פרשת נצבים</u>***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פריעדמאן ע"ה (אשת הר"ר שמעון פריעדמאן הי"ו).

בשעות הלילה התקיים סעודת יארצייט של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל**. הר"ר **ניסן פריעדמאן** הי"ו אמר הסיום. דברי זכרון השמיע הרה"ג רבי **אברהם ברוך ראטענבערג** שליט"א ר"י קאסאן, אחר כך נשא **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה, אז משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל (דברים כט-ט). זאגט רש"י, פארוואס איז נסמך געווארן די פרשה פון אתם נצבים צו די פריערדיגע פרשה פון די קללות פון משנה תורה, ווייל משמעו ישראל מאה קללות חסר שתים, ווען יודען האבען געהערט די מאה קללות וויניגער מיט צוויי, הוריקו פניהם, ואמרו מי יוכל לעמוד באלו, ווער קען דאס אדורכטראגען. התחיל משה לפייסם, אתם נצבים היום, הרבה הכעסתם למקום, ולא עשה אתכם כלייה, והרי אתם קיימים לפניו, כהיום הזה, אזוי ווי דער יום וואס איז מאפיל ומאיר, עס איז טונקעל און עס ווערט ליכטיג, כך האיר לכם וכך עתיד להאיר לכם, דער אייבערשטער וועט ענק ליכטיג מאכען, והקללות והיסורין מקיימין אתכם ומציבין אתכם לפניו, די קללות און די יסורים דאס טוט אייך באפעסטיגען, אז איר זאלט שטיין פארן אייבערשטען.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו) שטעלט זיך, וואס איז די לשון מאה קללות חסר שתים, ער וואלט געדארפט זאגען צ"ח קללות. פארוואס זאגט ער, אז עס איז הונדערט חסר שתים. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז דער אמת איז, אז עס איז מאה קללות. ווייל עס שטייט אין פסוק (שם כח-סא) גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת וועט דער אייבערשטער אויך ברענגען, און דאס איז צוויי מכות, חלי און מכה, קומט אויס אז עס איז מאה. בעצם איז אויסגערעכנט הונדערט, אבער עס איז חסר שתים,

ביי צוויי איז נישט ארויסגעברענגט וואס די חלי און די מכה איז. דער הייליגער **חתם סופר** זאגט, אז דער חלי און מכה וואס איז נישט געשריבען אינעם ספר, גייט ארויף אויף מיתת צדיקים, וואס דער אייבערשטער וועט ברענגען ח"ו אויף יודען. וואס איז די נקודה וואס רש"י ברענגט ארויס, אז ווייל זיי האבען געהערט מאה חסר שתים, וועגען דעם איז הוריקו פניהם, און זיי האבען געזאגט מי יוכל לעמוד באלו.

**עס** שטייט אין **נועם מגדים** (פ' שמות) אז פרעה האט געזאגט, הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו, הבה נתחכמה לו פן ירבה (שמות א-ט), און רש"י זאגט, הבה נתחכמה לו, למושיעם של ישראל. זיי האבען געמיינט משה רבינו, וואס איז דער מושיעם של ישראל. זאגט דער הייליגער **נועם מגדים**, אין יעדן דור האט דער אייבערשטער איינגעפלאנצט צדיקים און מנהיגי ישראל, וואס זיי זאלן משפיע זיין און האלטן דעם דור. יודען גייען אדורך שווערע זמנים, אמאל איז עס בפרטיות, און אמאל איז עס בכלליות, און יודען דארפן האבען חיזוק. האט דער אייבערשטער אראפגעשטעלט דור דור ודורשיו, יעדן דור האט זיינע מנהיגים, וואס זיי געבן די כח און די חיזוק אז יודען זאלען קענען אזוי אנגיין.

**פרעה** האט געוויסט, אז זיך נעמען אויף יודען אין מצרים און פארביטערן זייער לעבן, וועט קיין סאך נישט אויפטון. ווייל יודען האבען גדולי ישראל וואס אפילו אין די שווערסטע זמנים וואס זיי וועלן האבען, וועלן זיי געבן חיזוק און עידוד אז מען זאל עס קענען אדורכטראגען, און ער וועט נישט קענען צוברעכן דעם כלל ישראל. אויב ער וויל צוברעכן דעם כלל ישראל, דארף ער קודם צוברעכן זייערע מנהיגים, אז זיי זאלן נישט האבען קיין מנהיגים, און ווען זיי וועלן נישט האבען קיין מנהיגים, וועט נישט זיין ווער עס זאל קענען מחזק זיין דאס פאלק, וועט ער זיך קענען פארלייגען אויף יודען.

**האט** פרעה געזאגט, הנה עם בני ישראל 'רב' ועצום ממנו, זיי האבען אלץ א רב, זיי האבען אייביג א רבי. 'ועצום', און ער איז א שטארקער, איזהו גבור הכובש את יצרו (אבות ד-א), עס איז 'ממנו', פון זיי אליין איז דא א רב מיט א עצום, און וואס האב איך אויפגעטון אז איך וועל זיך פארלייגען אויף יודען, ווען זיי האבען גדולי ישראל וואס טוען זיי מחזק זיין. 'הבה נתחכמה לו', איך גיי זיך מתחכם זיין למושיעם של ישראל, איך גיי זיך מתחכם זיין אויף די וואס העלפען יודען, און אז איך וועל זיך מתחכם זיין און צוברעכן די מנהיגים פון יודען, וועל איך האבען דעם כח אז איך וועל קענען צוברעכן דעם כלל ישראל.

**און אזוי איז געווען ביי די לעצטע קריג, ווען גאנץ כלל ישראל איז געווען אין אן עת צרה, איז געווען זייער זעלטען אז א רב האט איבערגעלאזט זיין קהלה אין די שווערע זמנים, אפילו מען האט געקענט טרעפן פאר זיי א וועג, ווי זיי זאלען זיך קענען באהאלטען, און זיי האבען זיך נישט געוואלט שיידען פון זייער קהלה. עס איז זיכער אז מען האט נישט געוויסט אז דאס מיינט ממש מסירות נפש, מען האט נישט געהאט קיין השגה ווי מען טראגט אוועק, אבער מען האט פארשטאנען אז קיין האניג גייט מען נישט לעקן דארט, און יודען וועלן דארפען האבען חיזוק, האבען זיי געפילט אן אחריות אויף זיך, אז זיי גייען נישט איבערלאזען זייער קהלה, כדי צו געבן דעם חיזוק וואס פעלט אויס, און זיי זענען מיטגעפארן, און ליידער האט זיך עס נאכדעם אזוי אויסגעלאזט.** פרעה האט געזאגט הבה נתחכמה לו, איך דארף צוברעכן דעם מושיען של ישראל, און דעמאלטס וועט מען קענען צוברעכן דעם כלל ישראל. ווייל ווילאנג עס זענען דא מנהיגי ישראל, וועלן זיי געבן חיזוק פאר כלל ישראל.

**ווען** יודען האבען געהערט, אז דער אייבערשטער זאגט, אז ער וועט ברענגען די אלע קללות וואס איז אויסגערעכנט אין די פרשה, האבען זיי געטראכט, נישט געפערליך, יודען זענען אדורכגעגאנגען אסאך שווערע זמנים, דער אייבערשטער גיט פאר יודען צדיקים און גדולי ישראל, וואס זיי וועלן געבן די חיזוק אין די אלע שוועריקייטען וואס מען וועט אדורכגיין אין די זמנים פון די קללות. אבער ווען זיי האבען געהערט, אז די מאה קללות זענען חסר שתים, אז

דער אייבערשטער וועט אויך ברענגען כל חלי וכל מכה וואס איז נישט כתוב אינעם ספר, וואס דאס גייט ארויף אויף מיתת צדיקים. וואס דאס איז טייטש, אז אויסער דעם וואס מען וועט געשטראפט ווערן מיט די קללות, וועט מען אויך געשטראפט ווערן אז עס וועט פעלן די צדיקים, הוריקו פניהם, ואמרו מי יוכל לעמוד באלו. ווילאנג עס איז נישט חסר שתים, ווילאנג מען האט דעם מושיעם של ישראל וואס טוט העלפען פאר יודען, אזוי לאנג דארף מען נישט מורא האבען פון די קללות, ווייל עס איז דא חיזוק און עידוד אז מען זאל עס קענען אדורכגיין. אבער כיון ששמעו ישראל די מאה קללות חסר שתים, אז עס פעלט דערפון די צוויי וואס איז נישט אויסגערעכנט, און די צוויי זענען דאך מיתת צדיקים, הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו. אז עס איז נישטא קיין גדולי ישראל, קען זיך דער כלל ישראל נישט האלטען.

**התחיל** משה לפייסם, האט זיי משה רבינו מפייס געווען, אתם נצבים היום, מה היום הזה מאפיל ומאיר, כך האיר לכם וכך עתיד להאיר לכם, דער אייבערשטער לאזט קיינמאל נישט איבער דעם כלל ישראל. ראה שהצדיקים מועטים עמד ושתלן בכל דור ודור (יומא לח:), דער אייבערשטער האט שותל געווען אין יעדן דור זיינע גדולי ישראל. אפילו ווען עס קומט א זמן פון אן אפילה, אז א צדיק גייט אוועק פון די וועלט, וועלן קומען אנדערע וואס וועלן עס ערזעצן. ווען עס איז געווען הוריקו פניהם, יודען האבען מורא געהאט, מי יוכל לעמוד באלו, ווי אזוי וועט מען אויסהאלטען ווען עס וועלן פעלן די גדולי ישראל, האט משה רבינו זיי געזאגט, דער באשעפער וועט נישט פארלאזען יודען. אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל, יעדער קען זיך האלטען, כהיום הזה שהוא מאפיל ומאיר, כאטש עס איז אן אפילה, ווערט נאכדעם ליכטיג, אזוי אויך וועט דער אייבערשטער קיינמאל נישט פארלאזען דעם כלל ישראל. וזרח השמש ובא השמש (קהלת א-ה), עד שלא שקעה שמשו של עלי, זרחה שמשו של שמואל (יומא לח:), אייביג וועט זיין דור דור ודורשיו, וואס וועלן ארויסהעלפען פאר יודען. און מיט דעם האבען זיך יודען מחזק געווען, אז אפילו אין די שווערע זמנים וואס מען וועט אדורכגיין, וועט מען זיך קענען האלטען.

**אויב** אזוי, אז דער אייבערשטער גיט פרישע גדולי ישראל, פעלט דאך נישט אויס אז ער זאל צונעמען די פריערדיגע און געבן פרישע, ער קען דאך לאזען די אלטע. שטייט אין הייליגע ספרים, אז **דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט דור דור ודורשיו, יעדער דור האט זיין דורש, איין דור איז נישט דומה צום אנדערן דור. וואס מען האט געקענט אמאל, קען מען נישט היינט. וואס מען האט פארלאנגט אמאל, קען מען נישט פארלאנגען היינט. אמאל האט מען פארלאנגט אויפצושטיין פיר פינף אזייגער פארטאגס, און הלואי זאל מען היינט אויפשטיין אפילו זעקס אזייגער. די וועלט האט זיך געטוישט, און עס מוז זיין צוגעשטעלט דור דור ודורשיו, יעדער דור דארף זיין צוגעשטעלט לויט דעם דור אליין.**

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז א משל צו א קינד וואס מען וויל אים אויסלערנען אלף בית, דארף מען נעמען אן אלף בית מלמד, וואס איז א מומחה, ער דארף נישט האבען א גרויסע קאפ, נאר ער זאל גוט קענען די אלף בית. מען קען נישט נעמען דעם **גר"א**, און אים זאגען אז ער זאל זיך אראפזעצען לערנען מיט א קינד אלף בית, עס איז אזוי ווייט פונעם קאפ פונעם **גר"א**, אז ער זאל זיך קענען אראפלאזען צו לערנען מיט א קליין קינד. דאס זעלבע האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט אז יעדער דור זאל האבען א מנהיג וואס זאל זיין פאסיג צו דעם דור. און אז דער דור ווערט שוואכער, דארף מען נישט אזעלכע גרויסע מנהיגים, מען דארף האבען א מנהיג וואס זאל זיך קענען צושטעלן צו דעם דור.

**מיר האבען שוין נישט געקענט די פריערדיגע גדולי ישראל, מיר האבען אפילו נישט א השגה ווי אזוי זיי האבען אויסגעקוקט, אבער עכ"פ וואס מיר האבען נאך געקענט דא אין אמעריקא, דעם סאטמאר'ער רב זי"ע, דער קלויזענבורג'ער רב זי"ע, זייער שפראך ווען זיי האבען גערעדט פון די הייליגע טעג איז געווען, אז די תפלות דארפן זיין נישט פאר זיך, מען דארף נישט בעטן אויף גשמיות,**

און אפילו נישט אויף רוחניות, נאר די תפלות דארפן זיין בלתי לה' לבדו. בעטן אויף די גאולה, אז דער אייבערשטער וואס איז עמו אנכי בצרה זאל אויסלייזען יודען, און אז עס וועט זיין א גאולה פארן אייבערשטען, וועט זיין א גאולה פארן כלל ישראל. די שפראך וואס מען האט גערעדט וועגן תפלה איז געווען, נישט אז מען זאל פשוט דאווענען, נאר אז מען זאל דאווענען מיט א העכערע מדריגה. היינט, הלוואי זאל מען קענען רעדן און זאגען, אז מען דארף דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען. דו ביזט עומד לפני המלך, שטעל דיך אראפ דאווענען, דאווען פאר דיר. ווען ער קומט אין בית המדרש, דאווענט ער דען ווי ער שטייט פאר א מלך, וואס ער בעהט פון אים זיינע צרכים. ער קומט אריין אין בית המדרש מיטן סעלפא"ן, און ער דרייט זיך דא און דארט, איין פוס אינוויינינג און איין פוס אינדרויסען. די שפראך וואס גדולי ישראל האבען אמאל גערעדט וועגן תפלה איז אינגאנצן ארויסגעגאנגען פונעם סיסטעם. עס איז נישט שייך צו רעדן פון אזעלכע הויכע מדריגות, ווען מען דארף רעדן פשוט אלף בית, אז מען דארף דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען, תפלה בכוונה. אז מען דארף קומען אין בית המדרש און דאווענען, אזוי ווי מען שטייט פאר א מלך.

**אמאל** ווען מען האט גערעדט וועגן לערנען תורה, האט מען גערעדט אז מען דארף זיך ממית זיין באהלה של תורה, נישט עסן און נישט טרינקען און נישט שלאפען, מען דארף לערנען אכצן שעה אין א מעת לעת. הלוואי זאל מען היינט קענען רעדן אז מען דארף לערנען צען שעה אין א מעת לעת. און וויפיל הפסקות איז דא אין די צייט וואס מען לערנט. יעדער דור איז אנדערש אויסגעשטעלט פון וואס עס איז געווען פארדעם.

**משה** רבינו האט געזאגט די פרשה אין דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן. וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל, און ער האט זיי געזאגט, בן מאה ועשרים שנה אנכי היום, לא אוכל עוד לצאת ולבוא, איך קען שוין נישט ארויסגיין און קומען, וה' אמר אלי לא תעבור את הירדן הזה (שם לא-א), און ער האט געזאגט מוסר פאר יודען. אין מדרש (תנחומא וילך א) שטייט, אין וילך אלא דברי תוכחה, מען געפונט די לשון וילך ביי תוכחה, לכו חזו מפעלות ה' (תהלים מו-ט). משה רבינו האט געזאגט פאר יודען לא אוכל עוד לצאת ולבוא, און רש"י זאגט, בדברי תורה. מלמד שנסתתמו ממנו מסורות ומעיינות החכמה. דער גרויסער משה רבינו האט מען איז זיין לעצטען טאג צוגענומען פון אים די מסורות און די מעיינות החכמה.

**משה** רבינו האט געזאגט, איך זאג ענק מוסר די גאנצע צייט, אבער איר וועט זאגען, משה רבינו איז אזא הויכער מענטש, א איש אלקים, און ער זאגט מוסר פאר אונז, מיר זענען גארנישט בגדר זיך צוצושטעלן צו אזא דורש ווי משה רבינו. משה רבינו רעדט פון הויכע מדריגות, משה רבינו רעדט פון דברים נשגבים, לויט זיין מדריגה, אבער עס איז נישט צוגעפאסט פאר דעם דור. האט משה רבינו געזאגט, היינט האט מיר דער אייבערשטער צוגענומען מיין תורה, איך בין היינט א פשוטער יוד, לא אוכל עוד לצאת ולבוא, מען האט מיר צוגענומען די מסורות ומעיינות החכמה, יעצט קען איך רעדן מיט ענק פשוט אלף בית. יעצט בין איך נישט מער פון ענק, און מען דארף פשוט געדענקען אז מען דארף האלטען וואס די תורה זאגט. ווילאנג עס איז נישט אוועקגענומען געווארן פון משה רבינו די מעיינות החכמה, האט די תוכחה פון משה רבינו אפשר נישט אזויפיל אויפגעטון, ווייל מען האט אנגעקוקט משה רבינו אז ער איז א הימל מענטש אקעגן אונז, ווי אזוי קענען מיר זיך מדמה זיין צו משה רבינו. האט משה רבינו געזאגט, יעצט קען איך ענק זאגען דברי תוכחה, בן מאה ועשרים שנה אנכי, לא אוכל עוד לצאת ולבוא, היינט האט מען צוגענומען פון מיר די מדריגות, איך בין יעצט ווי א פשוט'ער יוד, יעצט קען איך רעדן ווי א פשוט'ער יוד רעדט, מען דארף לערנען, מען דארף דאווענען, מען דארף טון די מצוות פונעם אייבערשטען.

**מען** האט געהאט אזא זכיה, אז מען האט געקענט לערנען ביי אן אדם גדול פונעם פריערדיגען דור, און מקבל זיין תורה און עבודה און יראת שמים, דארף מען עס האלטען פאר א זכיה, אז מען האט געקענט מקבל זיין פון די פריערדיגע. און ווי מען האט פריער געהערט, אז עס שטייט אין זוהר הק',

אז זייער זכות איז אסאך העכער נאכדעם וואס זיי גייען אוועק פון די וועלט, פון וואס עס איז געווען פריער. גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם (חולין ז:). מען קומט זיך צוזאם לעילוי נשמתו מען זאל זיך דערמאנען און געדענקען אויף די גוטע צייטען ווען מען איז געזעסן אין ישיבה און געלערנט. מען האט טאקע געפאדערט און פארלאנגט אסאך, אבער אחרי ככלות הכל איז מען דאנקבאר אויף וואס מען איז אדורכגעגאנגען, און מען איז דורך דעם אויסגעוואקסען תלמידי חכמים. מען האט זיך צוגעוואוינט אויפצושטיין פרי, אזוי אז מען קען שוין נישט שלאפען לאנג. זאל דער רב ז"ל זיין ווייטער אויך א מליץ יושר פאר אלע זיינע תלמידים, און פאר די גאנצע קהלה, און פאר גאנץ כלל ישראל, מיר זאלען אלע געבענטשט ווערן מיט א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר. דער אייבערשטער זאל העלפען יעדן איינעם מיט בני חיי ומזוני, און מיט אלעם וואס מען דארף האבען. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו בוומסב"ג, שהתקיים באולם ראוז גארדען.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם יעקב פריינד** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***<u>יום שישי פרשת נצבים</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הרה"ג רבי **שמחה אהרן שטראלי** שליט"א, ולבן הר"ר **אברהם יעקב פריינד** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

## תוכן השיחה בעת ביקורו של כ"ק האדמו"ר מזוועהיל שליט"א אצל רבינו שליט"א

### יום ה' פרשת בהר - בחוקותי, כ"ה אייר תשע"ה לפ"ק

**רבינו:** אז דער רבי קען מיר ברענגען א ברכה אין שטוב איז מיר א זכיה. די וואך איז דאך אם בחוקתי תלכו, מען דארף גיין.

**האדמו"ר מזוועהיל:** די לעצטע פאר יאהר בין איך געווען אין בארא פארק אויף די יארצייט.

**רבינו:** עפעס קומט זיך פאר די וויליאמסבורג'ער אידן אויך..

**האדמו"ר מזוועהיל:** דער **בית ישראל זצ"ל** האט געזאגט אז עס איז א מצוה צו מפרסם זיין די קדושה פון **רבי שלמה'קע זוועהיל'ער**, מיר פארשטייען נישט היינט זיין קדושה, אבער מיט דעם ווערט עס אלעמאל מער מפורסם.

**רבינו:** דער **בית ישראל** האט אים געקענט פערזענליך?

**האדמו"ר מזוועהיל:** יא, דער **אמרי אמת** פלעגט שיקן קוויטלעך צו אים, ער איז דאך שוין געווען אין ארץ ישראל פון תרפ"ו.

**רבינו:** וועלכע יאהר איז ער אוועק?

**האדמו"ר מזוועהיל:** אין תש"ה, יעצט ווערט זיבעציג יאהר.

**רבינו:** דאס הייסט אז ער איז געווען בערך צוואנציג יאהר אין ארץ ישראל.

**האדמו"ר מזוועהיל:** ביי די ששת הימים מלחמה, האט זיך אין זיין יארצייט געענדיגט די מלחמה.

**רבינו:** עס האט דעמאלס געהייסן א דבר פלא, אז ער האט אלעס איבערגעלאזט, און איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל. קיינער האט נישט געוואוסט ווער ער איז. רבי אלי' ראטה ז"ל פלעגט אסאך צו רעדן פון אים.

ער האט געהאט גרויסע ענינים אין מקוה.

**האדמו"ר מזוועהיל:** דער **בעלזער רב זי"ע** האט געזאגט אויף אים, אז ער איז גארנישט ווייניגער פון א תלמיד פון **בעל שם טוב**, ער דארף נאר האבן זיין מקוה, און דעם כותל המערבי, און ווען

ער גייט דארט קען מען אים פרעגן, און ער ענטפערט אזוי ווי די תלמידי הבעל שם טוב, תשובות ווי א אורים ותומים.

מיין מאמע איז געווען א אייניקל פון אים, מיין מאמע'ס מאמע (אשת הרה"צ רבי שמואל מרדכי מנעשכיז זצ"ל) איז געווען א טאכטער.

**רבינו:** ווען מען האט געהאט אזעלכע צדיקים האבן זיי אריינגעשיינט אמונה אין אידן, מען האט געזעהן בחוש אז עס איז דא א בורא עולם.

**האדמו"ר מזוועהיל:** איך האב געהערט פון מיין שווער [**הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל**], אז דער **דברי חיים זי"ע** האט געזאגט, אז ער פארט קיין פעסט, צו ווייזן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, ער האט דאך געפראוועט אסאך מופתים דארטן.

**רבינו:** אין די פרעמד האבן זיי געוויזן מער מופתים ווי אינדערהיים.

*

**רבינו:** עס האט מיך היינט געפרעגט א יוד, עס איז אים געבוירן יעצט א פערטע מיידל, צו אפשר מער. און דריי מיידלעך הייסן נאך די דריי אמהות, וויל ער א נאמען געבן די פערטע נאך די פערטע פון די אמהות, צו עס איז דא א קפידא אז מען זאל נישט א נאמען געבן נאך די פיר אמהות, מען האט געהערט אמאל אזא זאך?.

**האדמו"ר מזוועהיל:** איך האב קיינמאל נישט געהערט אז מען געט א נאמען נאך די אבות, אברהם יצחק און יעקב, אדער נאך די אמהות.

**רבינו:** קען זיין אז די ערשטע דריי איז אים אזוי אויסגעקומען [שנזדמן ששמות בנותיו הם כשמות האמהות], וויל ער שוין מאכן דעם סע"ט יעצט [להשלים וליתן גם שם הרביעית אחריהם].

**האדמו"ר מזוועהיל:** מען האט געגעבן נעמען נאר נאך צדיקים פון שפעטער, נאך רבי שמעון'ען האט מען יא א נאמען געגעבן, ווייל רבי שמעון בן יוחאי איז דאך לכל.

**רבינו:** יעדער וואס הייסט אברהם יצחק יעקב, קומט דאך ערגעץ אן צו די אבות, דער נאמען שטאמט פון דארטן.

**הר"ר לייבוש שווארץ הי"ו משב"ק האדמו"ר מזוועהיל:** די רבי [**הגה"ק מצאנז קלויזענבורג**] זכרונו לברכה האט אמאל גערעדט ביי א שיעור חומש רש"י, אז עס איז געווען איינער וואס האט א נאמען געגעבן נאך די אושפיזין, און ער האט געהאט אזעלכע זיבן שקצים..[ז]

**האדמו"ר מזוועהיל:** עס שטייט דאך פונעם **שינאווער רב זי"ע** אז דער ערשטער **בעלזער רב זי"ע** האט געזאגט, אז דער באשעפער געט אריין פארן טאטן אליין, וועלכע נאמען ער זאל געבן פארן קינד. די אלע זאכן זענען נישט אזוי פשוט..., עס שטייט דאך אין **נועם אלימלך** (פ' שמות) אז מען זעהט אז ווען מען וויל איינעם אויפוועקן, קען מען קלאפן און קלאפן און ער כאפט זיך נישט אויף, און ווען מען רופט אים ביים נאמען וועקט ער זיך אויף, א נאמען איז א העכערע זאך, נפש חיה הוא שמו (בראשית ב-יט).

דער רב געט יעדן טאג שיעורים אין די ישיבה?

**רבינו:** פיר מאל א וואך.

**האדמו"ר מזוועהיל:** וועלכע מקצוע?

**רבינו:** אין שולחן ערוך, הלכות שבת.

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על היין**

**ובירך האדמו"ר מזוועהיל:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן, נחת ביי די קינדער און ביי די תלמידים, ירבה גבולו בתלמידים, דאס איז די גרעסטע ברכה וואס דער אייבערשטער געבט.

**רבינו:** אמן, דער רבי זאל אויך זיין געזונט און שטארק, און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, אלעס זאל גרינגערהייט אנקומען, להגדיל תורה ולהאדירה.

**רבינו שליט"א הגיש להאדמו"ר מזוועהיל שליט"א את ספרו 'שמן ראש' על חג השבועות**

**האדמו"ר מזוועהיל:** מען קען שוין אנפילען א גאנצע פאליצע פון די ספרים.., איך קוק אסאך

---

[ז] בשיעור חומש רש"י (בשלח תש"ל לפ"ק) האריך בזה, וחזר על מה ששמע **מהגה"ק מנאסויד זצ"ל**, שבעיר אחת היה אחד שקרא שם בניו על שם שבעת האושפיזין, ובסופו של דבר היו בנים אלו ידועים כגרועים ביותר מכל העיר, והטעם כי איזה שייכות והתקשרות יש לאדם זה עם אותם צדיקים קדושי עליונים, שהוא מרהיב ליתן שמות אחריהם, הלא צריכים להיות ראויים לאותה איצטלא. אם ברצון האדם ליתן שם כזה, עליו לדעת תחלה איזו נשמה יש לילד ואיך הוא נולד, ולא שיבא בור ועם הארץ ויתן שמות אחר צדיקים, הרי נתינת שם זהו דבר נורא ונשגב עכ"ד (הובא בספר **שפע קודש** פ"ג אות א' וע"ש עוד בזה).

אריין דערין, אסאך מאל זאג איך פון אייערע זאכן, און אויך פון וואס איר ברענגט צו פון אנדערע ספרים. נישט אלעמאל דערמאן איך ווי איך האב געזעהן די ווארט וואס איר ברענגט צו, באמת מען זעהט אין די גמרא גאנצע שורות נאר פון ווער עס האט עס נאכגעזאגט פון וועמען. מען ברענגט דאך א ראיה פון די גמרא (פסחים קד:), אז שפתותיו דובבות איז פון אלע, ווייל די גמרא זאגט אז רב יהודה האט געשיקט זיין זוהן זעהן ווי אזוי עולא מאכט הבדלה [לגבי נוסח הברכה וכו'], און ער האט געשיקט אן אנדערן, האט אים רב יהודה געזאגט אז ווען דו וואלסט געגאנגען וואלט מען עס נאכגעזאגט פון דיר, און דער רשב"ם זאגט דארט, אז ווען מען וואלט עס נאכגעזאגט פון אים, וואלט געווען שפתותיו דובבות.

**רבינו בצחות:** אפשר אויב יענער האט עס אויך געגנב'ט, און ער שרייבט נישט ווי ער האט עס געזען, איז מען דאך שוין א גונב מן הגנב...

**ונפרד רבינו שליט"א מהאדמו"ר מזוועהיל שליט"א ואמר:** דער אייבערשטער זאל העלפן מיט הצלחה אויף ווייטער אויך, עס איז ביי מיר זייער חשוב געווען..